**עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה אנווייזונגען פאר די 2026-2027 שולע יאר**

טייערע פאמיליעס,

אויב איר פלאצירט אייער קינד אין א נאן-פובליק עלעמענטרי אדער סעקאנדערי שולע אדער פלאנט צו היימשולען אייער קינד פאר די 2026–27 שולע יאר און וואלט געוואלט אייער קינד זאל באקומען ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס בשעת'ן זיין איינגעשריבן אין א נאן-פובליק שולע אדער היימשולע, מוזט איר אריינגעבן א געשריבענע בקשה פאר די סערוויסעס (א מעלדונג פון כוונה, Notice of Intent) פאר די קאמיטעט אויף ספעציעלע עדיוקעישן (Committee on Special Education, CSE) וואו אייער נאן-פובליק שולע געפונט זיך (דיסטריקט פון לאקאציע). די CSE וועט אנטוויקלען א פערזענליכע עדיוקעישן סערוויסעס פלאן (Individualized Education Services Plan, IESP) אויב מען באשטימט אז אייער קינד איז בארעכטיגט פאר סערוויסעס.

פאר נאן-פובליק שולעס אינערהאלב ניו יארק סיטי, דארף די מעלדונג פון כוונה געשיקט ווערן דורך אימעיל, פאסט, אדער איבערגעגעבן פערזענליך צו אייער CSE און ערהאלטן ווערן נישט שפעטער ווי **יוני 1, 2026**. ביטע נוצט די געאגראפישע אנליין אדרעס איבערטייטשער (Geographic Online Address Translator, GOAT) דורכ'ן לינק אונטן צו אייך העלפן טרעפן אייער CSE. ניו יארק סיטי פובליק שולעס (New York City Public Schools) איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז איר האט אלע נויטיגע אינפארמאציע צו פלאנירן פאר די קומענדיגע שולע יאר און האבן צוגעשטעלט די פרטים פון אונטן.

אויב איר נויטיגט זיך אין הילף, זאלט איר זיך נישט אפהאלטן פון זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע CSE וועמנס אינפארמאציע געפונט זיך אויף schools.nyc.gov/cse. מיר זענען דא אייך ארויסצוהעלפן!

## נאן-פובליק (פריוואטע/רעליגיעזע) שולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס

ניו יארק סיטי פובליק שולעס (NYCPS) האט ספעציעלע עדיוקעישן פאראנטווארטליכקייטן פאר סטודענטן וואס ווערן פלאצירט דורך זייערע עלטערן אין פריוואטע אדער רעליגיעזע שולעס אין ניו יארק סיטי אויף די פאמיליעס' אייגענע קאסטן ("פלאצירט דורך עלטערן"), אריינגערעכנט די פליכט זיי צו אידענטיפיצירן, אויסזוכן און אפשאצן. דער פליכט באציט זיך אויך צו סטודענטן וואס וואוינען אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, און ווי אויך פאר סטודענטן וואס וואוינען אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט, אבער זענען פלאצירט דורך זייער עלטערן אין פריוואטע אדער רעליגיעזע שולעס אין ניו יארק סיטי אויף זייערע אייגענע קאסטן.

## היימשולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס

אונטער די ניו יארק סטעיט עדיוקעישן געזעץ (New York Education Law Section) חלק 3602-c, ווערן היימשולע קינדער מיט דיסאביליטיס אידענטיפיצירט אלס נאן-פובליק שולע סטודענטן. היימשולע קינדער מיט דיסאביליטיס ווערן באהאנדלט אויף די זעלבע וועג ווי אנדערע קינדער מיט דיסאביליטיס וואס ווערן פלאצירט דורך זייערע עלטערן אין פריוואטע שולעס אונטער די מענטשן מיט דיסאביליטיס עדיוקעישן אקט (Individuals with Disabilities Education Act). פאר היימשולע סטודענטן מיט דיסאביליטיס, וועט ניו יארק סיטי פובליק שולעס באשטימען דעם ארט וואו זיי וועלן קענען באקומען ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס, וואס קען מעגליך זיין די פלאץ פון די סטודענט'ס לאקאלע (קאמיוניטי) שולע.

פאמיליעס וואס פלאנען צו היימשולע'ן זייערע קינדער פאר די 2026–27 שולע יאר זאלן געוואר זיין איבער די פאלגענדע דעדליינס. כאטש וואס די דעדליין צו מעלדן NYCPS איבער אייער כוונה צו היימשולע'ן איז יולי 1, 2026, מוז אייער בקשה פאר ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס אבער ערהאלטן ווערן ביז **יוני 1, 2026**.

- ☐ **יוני 1, 2026** - דאטום ביז ווען NYCPS מוז ערהאלטן אייער בקשה פאר ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס פאר אייער קינד(ער) וואס וועט לערנען אין היימשולע.

- ☐ **יולי 1, 2026** - דאטום ביז ווען פאמיליעס וואס טוען נאכמאל היימשולע'ן זייערע קינדער מוזן אריינגעבן זייער יערליכע בריוו פון כוונה פאר יעדער קינדער וואס וועט לערנען אין היימשולע. עלטערן וואס באשליסן צו אנהויבן היימשולע'ן (אדער וועלכע שטעלן אוועק זייער וואוינארט אין די שולע דיסטריקט) נאך די אנפאנג פונעם שולע יאר מוזן אריינגעבן א בריוו פון כוונה צו היימשולע'ן ביז 14 טעג נאכ'ן אנהויבן היימשולע'ן.

דערצו, כדי צו זיין בארעכטיגט פאר ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס, מוז א היימשולע סטודענט האבן א פערזענליכע היים לערנונג פלאן (Individualized Home Instruction Plan, IHIP) וואס פאלגט אויס טייל 100.10 פון די רעגולאציעס פון דעם קאמישענער פון עדיוקעישן (Regulations of the Commissioner of Education). פאר צוריקקערנדע היימשולערס, דארפן די IHIPs ווערן אריינגעגעבן ביז **אויגוסט 15, 2026**. פאר נייע היימשולערס, דארפן די IHIPs ווערן אריינגעגעבן אינערהאלב **28 טעג** נאכ'ן אריינגעבן די בריוו פון כוונה.

פאר מער אינפארמאציע איבער היימשולע'ן אייער קינד(ער), ביטע באזוכט schools.nyc.gov/homeschooling

## [פאדערונגען פאר די עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה]()

די עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה (Parental Notice of Intent, PNI) וואס בעהט פאר ספעציעלע עדיוקעישען סערוויסעס מוז ערהאלטן ווערן דורך די קאמיטעט אויף ספעציעלע עדיוקעישען (CSE) אום אדער איידער **יוני 1, 2026**, מיט די נויטיגע עלעמענטן וואס זענען אויסגערעכנט אונטן.

☐ די מעלדונג פון כוונה מוז אריינגעגעבן ווערן דורך די סטודענט'ס עלטערן אדער גארדיען, אדער דורך אן אדוואקאט וואס פארטרעט די פאמיליע. אויב ווערט עס אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט אין נאמען פונעם פאמיליעס, דארף די מעלדונג אויך פארמאגן אן ערלויבעניש ארויסצוגעבן געהיימע אינפארמאציע פאר די 2026-27 שולע יאר, אונטערגעשריבן דורך די עלטערן מיט א פעדער און טינט אונטערשריפט. ביטע מערקט אן אז פארטרעטונג אין א דיו פראסעס פארהאנדלונג אדער אנדערע פראצעדורן אנבאלאנגט א פריערדיגע שולע יאר קען נישט דינען אנשטאטס די נויטיגע צושטימונג צו קענען ארויסגעבן געהיימע אינפארמאציע פאר די 2026–27 שולע יאר. **<u>א מעלדונג פון כוונה פון א דריטע צד וועלכער איז נישט קיין אדוואקאט וועט נישט ווערן אנגענומען, אפגעזעהן צו עס קומט מיט אדער אן די צושטימונג ארויסצולאזן געהיימע אינפארמאציע.</u>**

☐ די מעלדונג פון כוונה מוז ענטהאלטן:
- ❑ ערשטע און לעצטע נאמען פונעם סטודענט
- ❑ NYCID פון די סטודענט (אויב באקאנט)
- ❑ דאטום פון געבורט
- ❑ היים אדרעס
- ❑ נאמען פון עלטערן
- ❑ עלטערן'ס טעלעפאן נומער
- ❑ עלטערן'ס אימעיל אדרעס
- ❑ די קלאס אין וועלכע די סטודענט וועט ארייגגיין פאר'ן 2026–27 שולע יאר
- ❑ נאמען פון די שולע וואו די סטודענט וועט גיין פאר'ן 2026–27 שולע יאר
- ❑ אדרעס פון די שולע וואו די סטודענט וועט גיין פאר'ן 2026–27 שולע יאר

פאר אייער באקוועמליכקייט, האט NYCPS אנגעגרייט אן עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה (PNI) טעמפלעיט וואס איר קענט נוצן. די טעמפלעיט קען מען באקומען אויף [schools.nyc.gov/cse]() אונטער די פראגע *אויב איך האב פלאצירט מיין קינד אין א ניו יארק סיטי נאן-פובליק שולע, וואס דארף איך טון כדי מיין קינד זאל באקומען ספעציעלע עדיוקעישען סערוויסעס פאר די קומענדיגע שולע יאר?*

☐ אויב ווערט עס אריינגעשיקט דורך אימעיל, אויסער אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט וואס פארטרעט די פאמיליע, וועט די מעלדונג פון כוונה נאר אנגענומען ווערן אויב עס ווערט געשיקט דירעקט פון די עלטערן/גארדיען, נוצנדיג די אימעיל אדרעס וואס די עלטערן/גארדיען האט אויפ'ן פייל מיט NYCPS.

☐ אויסער אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך אימעיל דירעקט פון די אימעיל אדרעס וואס די עלטערן/גארדיען האט אויפ'ן פייל מיט NYCPS אדער עס ווערט אריינגעגעבן דורך אן אדוואקאט ווי פריער אנגעמערקט, מוז א מעלדונג פון כוונה זיין אונטערגעשריבן דורך די עלטערן/גארדיען נוצנדיג א פעדער-און-טינט אונטערשריפט אדער אן עלעקטראנישע אונטערשריפט. עלעקטראנישע אונטערשריפטן וואס נוצן DocuSign וועלן נאר ווערן אנגענומען ווען די אימעיל מיט די DocuSign אונטערשריפט קומט דירעקט פון די פאמיליע. ביטע מערקט אן אז אן אונטערגעשריבענעם צושטימונג צו ארויסגעבן געהיימע אינפארמאציע וואס געבט רשות פאר אן אדוואקאט צו נעמען שריט אין נאמען פון די פאמיליע מוז אויך פארמאגן א פעדער-און-טינט אונטערשריפט.

☐ ביים שיקן די מעלדונג פון כוונה דורך אימעיל, זאל די סובדשעקט פונעם אימעיל צום CSE זיין "Notice of Intent 2026–27 SY".

*די CSE וועט באשטעטיגן שריפטליך אז די PNI איז געווארן אנגענומען אדער געבן טעכנישע הילף פאר א פאמיליע אדער פאר די אדוואקאט וואס פארטרעט זיי צו אריינגעבן א PNI וואס קומט נאך די אויבנדערמאנטע פאדערונגען.*

## [אינפארמאציע פאר סטודענטן פלאצירט דורך עלטערן וואס זענען צום ערשט רעפערד געווארן פאר ספעציעלע עדיוקעישען אפשאצונג נאך יוני 1]()

☐ עלטערן פון סטודענטן וואס זענען צום ערשט אידענטיפיצירט געווארן פאר אן אפשאצונג צווישן יוני 1, 2025, און אפריל 1, 2026, מוזן בעטן פאר סערוויסעס אינערהאלב 30 טעג פון יענער ערשטע אפשאצונג. די אויבנדערמאנטע מעלדונג פאדערונגען זענען גילטיג. סיי וועלכער פארלאנג וואס ווערט ערהאלטן <u>אום אדער נאך</u> אפריל 1 פון די יעצטיגע שולע יאר וועט ווערן באטראכט אלס א צייטליכע בקשה פאר סערוויסעס פאר די <u>פאלגנדע</u> שולע יאר.

☐ פאר סטודענטן וואס ווערן צום ערשט אידענטיפיצירט אלס האבנדיג א דיסאביליטי צווישן אפריל 1, 2026, און יוני 1, 2026, מוזן בקשות פאר סערוויסעס ערהאלטן ווערן ביז יוני 1, 2026, פאר די 2026-27 שולע יאר. די אויבנדערמאנטע מעלדונג פאדערונגען זענען גילטיג.

## [אידענטיפיצירן די דיסטריקט פון מיין קינד'ס היימשולע/נאן-פובליק שולע]

כדי צו באשטימען וועלכע CSE דארף באקומען אייער עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה, ביטע באזוכט די [ניו יארק סיטי געאגראפישע אנליין אדרעס איבערזעצער (GOAT)](). אויף די לינקע זייט פונעם בלאט אונטער ADDRESS FUNCTIONS, קליקט אויף FUNCTION 1B, לייגט אריין אייער נאן-פובליק שולע אדער היימשולע אדרעס, און סקראול'ט אראפ ביז "City Service information" וואו איר וועט זעהן "School District". ביטע באזוכט די *אידענטיפיצירן מיין קאמיטעט אויף ספעציעלע עדיוקיישען אפטיילונג אויף www.schools.nyc.gov/cse* צו טרעפן אייער CSE לויט'ן שולע דיסטריקט צוזאמען מיט די CSE'ס קאנטאקט אינפארמאציע.

## [אידענטיפיצירן מיין קאמיטעט אויף ספעציעלע עדיוקיישען (דיסטריקט פון לאקאציע)]

קאנטאקט אינפארמאציע פאר די CSEס, אריינגערעכנט די שולע דיסטריקטס אונטער יעדער CSE, ווערן אריינגערעכנט פון אונטן. שיקט די מעלדונג פון כוונה צו עטליכע CSEס אדער צו די CSE וואס איז נישט פארבינדן מיט אייער פריוואטע שולע קען פירן צו פארשפעטונגען מיט'ן פראצעסירן אייער עלטערן'ס מעלדונג פון כוונה.

| | |
|---|---|
| ☐ **CSE 1** (דיסטריקטס 7, 9, 10)<br>**אימעיל:**[CSE1PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE1PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 1 Fordham Plaza, 7th Floor<br>Bronx, New York 10458<br><br>☐ **CSE 2** (דיסטריקטס 8, 11, 12)<br>**אימעיל:** [CSE2PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE2PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 3450 E. Tremont Avenue, 2nd Fl.<br>Bronx, New York 10465<br><br>☐ **CSE 3** (דיסטריקטס 25, 26, 28, 29)<br>**אימעיל:** [CSE3PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE3PNI@schools.nyc.gov)<br><br>**אדרעס** פאר דיסטריקטס 25 און 26<br>30-48 Linden Place<br>Flushing, New York 11354<br><br>**אדרעס** פאר דיסטריקטס 28 און 29<br>90-27 Sutphin Boulevard<br>Jamaica, New York 11435<br><br>☐ **CSE 4** (דיסטריקטס 24, 27, 30)<br>**אימעיל:**[CSE4PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE4PNI@schools.nyc.gov)<br><br>**אדרעס** פאר דיסטריקטס 24 און 30<br>28-11 Queens Plaza North, 5th Floor<br>Long Island City, New York 11101<br><br>**אדרעס** פאר דיסטריקט 27<br>82-01 Rockaway Boulevard. 2nd Floor<br>Ozone Park, New York 11416 | ☐ **CSE 5** (דיסטריקטס 19, 23, 32)<br>**אימעיל:** [CSE5PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE5PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 1665 St. Marks Avenue<br>Brooklyn, New York 11233<br><br>☐ **CSE 6** (דיסטריקטס 17, 18, 22)<br>**אימעיל:** [CSE6PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE6PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 5619 Flatlands Avenue<br>Brooklyn, New York 11234<br><br>☐ **CSE 7** (דיסטריקטס 20, 21)<br>**אימעיל:** [CSE7PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE7PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 415 89th Street<br>Brooklyn, New York 11209<br><br>☐ **CSE 8** (דיסטריקטס 13, 14, 15, 16)<br>**אימעיל:** [CSE8PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE8PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 131 Livingston Street, 4th Floor<br>Brooklyn, New York 11201<br><br>☐ **CSE 9** (דיסטריקטס 1, 2, 4)<br>**אימעיל:** [CSE9PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE9PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 333 7th Avenue, 4th Floor<br>New York, New York 10001<br><br>☐ **CSE 10** (דיסטריקטס 3, 5, 6)<br>**אימעיל:** [CSE10PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE10PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 388 West 125th Street<br>New York, New York 10027<br><br>☐ **CSE 11** (דיסטריקט 31)<br>**אימעיל:** [CSE11PNI@schools.nyc.gov](mailto:CSE11PNI@schools.nyc.gov)<br>**אדרעס:** 715 Ocean Terrace, Building A<br>Staten Island, New York 10301 |

## [פלאצירונגען אויסער א נאן-פובליק עלעמענטערי אדער סעקאנדערי שולע]

ביטע מערק אן אז ספעציעלע עדיוקיישען סערוויסעס צוגעשטעלט דורך NYCPS ווערן בלויז צוגעשטעלט פאר סטודענטן וואס לערנען אין היימשולע אדער ווערן איינגעשריבן אין נאן-פובליק עלעמענטרי און סעקאנדערי שולעס אויף די פאמיליע'ס אייגענע קאסטן. סטודענטן וואס זענען איינגעשריבן אין א פרי-סקול פראגראם, א פובליק שולע אדער א טשארטער שולע זענען נישט בארעכטיגט פאר ספעציעל עדיוקיישען סערוויסעס לויט אן IESP.

## [שפעטע איינגעבונגען פאר'ן 2026–27 שולע יאר]

די יוני 1, 2026 דעדליין פאר NYCPS צו באקומען אייער מעלדונג פון כוונה וועט ווערן שטרענג ענפארסירט פאר די 2026–27 שולע יאר. אויב אייער מעלדונג פון כוונה ווערט נישט ערהאלטן ביז יוני 1, 2026, וועט אייער קינד נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען ספעציעלע עדיוקעישען סערוויסעס פון ניו יארק סיטי פובליק שולעס פאר די 2026-27 שולע יאר.